STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04884

AN ENTFER MAYNE KRITIKER

Chaim Zhitlowsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Steven & Cheryl Friedman
in honor of
Mr. & Mrs. Irving Savits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי

און ענטפער מיינע קריטיקער



אַרויסגעגעבן פון
קאָאָפּעראַטיוון פאָלקס-פאַרלאַג פון דער אידישער סעקציע,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

Copyright by
COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the Jewish Section,
International Workers Order
80 Fifth Avenue
New York, N. Y.
December, 1942

ערשטע זשיטלאָווסקי־בראָשורע, געדרוקט 5,000 קאָפּיעס

209

אַריינפיר

פון צייט צו צייט דאַרף איך אויסשטיין מער אָדער ווייניקער העפטיקע אָנפאַלן מצד קעגנער פון יענע אידייען און אידעאַלן, פאַר וועלכע איך שטעל מיך איין. איך לייקן ניט, אַז דאָס רוב, ווי כמעט אַלע מאָל, זיינען די אָנפאַלן פּראָוואָצירט פון מיינע אָנפאַלן אויף די אָדער יענע קעגנער.

ווי אַלע פּאָלעמישע אַרטיקלען אין דער פּובליציסטיק, זיינען אויך מיינע אָנפאַלן, ווי אויך די קעגן־אָנפאַלן, וואָס זיי רופן אַרויס, עפּיזאָדן אין אַ באַשטימטן קאַמף: ניט אומזיסט שטאַמט דאָס וואָרט „פּאָלעמיק" פון אַ גריכישן וואָרט, וואָס באַדייט: „קריג".

איז—לאָמיר אַ ווײַלינקע רעדן בלשון „טכסיסי מלחמה". די איצטיקע „קאָנטער־אַטאַקעס" אויף מיר פון אָקטאָבער 1942 זיינען די העפטיקסטע, וואָס איך האָב ווען געהאַט אויסצושטיין, — דער עיקר דורך זייער אַל־זייטיקייט — מען האָט מיך ממש אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אָבער אויך אין אָט־דעם פאַל זיינען די פּאָלעמישע אַרטיקלען אַן ענטפער אויף מיינער אַן „אַטאַקע", וואָס איז אויך געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אַלזייטיקע און ניט אָן אַ געוויסער שלאָג־קראַפט.

ווי מיר דוכט, איז די אויסערגעוויינלעכע העפטיקייט פון דער קריטיק אַ באַווייז, אַז מיין אָנפאַל האָט געטראָפן אין ציל.

מיין איצטיקער אָנפאַל איז געשען אין אַן אַרטיקל: „סאָוועטנלאַנדס פריינט און פיינט", אינעם „טאָג" פונעם 11טן אָקטאָבער. אַ פּאָר קאָ־רעקטורן צו אָט־דעם אַרטיקל האָב איך אַריינגעטראָגן אין אַ צווייטן אַרטיקל: „איך האָב געמאַכט אַ טעות אין שרייבן", אינעם „טאָג" פון דעם 24טן אָקטאָבער.

צו פאַרשיידענע צייטן דרייט זיך דער פּאָלעמישער שטרייט מיינער מיט די אָדער אַנדערע קעגנער אַרום פאַרשיידענע ענינים. אָבער צו אַלע צייטן זיינען זיי פון מיין זייט עפּיזאָדן פון איין־איינציקן אידייאישן קאַמף.

דאָס איז יענער קאַמף, וועלכן איך פיר שוין איבער פופציק יאָר, זינט איך בין געוואָרן אַ אידישער סאָציאַליסט.

דאָס איז אַ קאַמף אין די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק און אין די אינטערעסן פון דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם, ווי איך פאַרשטיי אָט־די אינטערעסן.

דאָס איז אַ קאַמף פאַר דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט

פון דעם אידישן פאָלק אויף די יסודות פון ארבעט בכלל, ערד־ארבעט בפרט און פון א וועלטלעכער קולטור אין אונזער פאָלקס־שפּראַך, אידיש, וואָס דאַרף דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך אונזערער.

דאָס איז אַ שטרעבן, אַז די פּראָגרעסיווסטע אידייען און אידעאַלן פון אונזער פאָלק און פון דער מענטשהייט זאָלן אַריינגעטראָגן ווערן אין אַלע ווינקעלעך פון אונזער אידישן לעבן און דאָרטן איבערבויען די ווירקלעכקייט, לויט זייערע פאָדערונגען.

אין די אינטערעסן פון אָט־דעם קאַמף האַלט איך אין דער איצטיקער צייט פאַר מיין חוב איינצושטעלן זיך פאַר אָט וועלכע גרונט־געדאַנקען.

ערשטנס. אונזערע האָפענונגען אויף אַ פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט מוזן זיין פאַרבונדן מיט דעם טריאומף פון די סאָציאַליס־טיש־אַרבעטאַרישע פּאַרטייען און ריכטונגען.

צווייטנס. די אינטערעסן פון יענעם טריאומף פאָדערן אומבאַדינגט, עס זאָל אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער אויפהערן דער ברודער־קריג צווישן רעכטס און לינקס. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון רעכטס און פון לינקס דאַרפן ווידער זיין פאַראייניקט אין איין איינציקער אַלוועלט־לעכער אָרגאַניזאַציע. אָט־די פאַראייניקונג ליגט באַשיינפּערלעך סיי אין די אינטערעסן פון דער אידישער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, סיי אין די אינטערעסן פון דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם.

דריטנס. דער וויכטיקסטער שטער צו אָט־דער פאַראייניקונג איז די דורכאויס פיינטלעכע שטעלונג פון די רעכטיסטישע פּאַרטייען צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פון 1917 בכלל און צו דעם איצט־הערשנ־דיקן סאָציאַליסטישן רעזשים אין סאָוועטנלאַנד בפרט.

פערטנס. אָט־די פיינטשאַפט, אָט־דער ברודער־קריג איז באַזונדערס שעדלעך געוואָרן גראָד אין דער גאָר לעצטער צייט, ווען סאָוועטנלאַנד קעמפט אַנטקעגן די פאַשיאַ־נאַציסטישע חיילות פון דעם אַנטי־קאָמינטערן פּאַקט.

פינפטנס. אין די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק, פון אַלע זיינע טיילן און ריכטונגען, פאָדערט זיך אַ פאַראייניקונג פון אַלע זיינע כחות און ריכטונגען צו העלפן סאָוועטנלאַנד אין דעם איצטיקן היס־טאָריש אַזוי וויכטיקן צונויפּפּראַל פון די סאָציאַליסטישע חיילות מיט די פאַשיאַ־נאַציסטישע.

זעקסטנס. אין דעם אידישן עפנטלעכן לעבן אומעטום און בפרט דאָ אין לאַנד מוזן אַלע אידישע ריכטונגען און פּאַרטייען אָן אַ שום אויס־נאַם זיך פאַראייניקן אין איינעם צוליב דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון אַלע כחות צו העלפן ספּעציעל סאָוועטנלאַנד „בלבב שלם", מיטן גאַנצן האַרצן, ניט מיט אַ „צעשפּאָלטענעם ווילן".

אָט פון די זעקס גרונט־געדאַנקען, פאַר וועלכע איך האָב מיך עפנטלעך

איינגעשטעלט אין דער לעצטער צייט, איז אַרויסגעוואַקסן מיין אָנפּאַל אויף יענע פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען, סיי אידישע, סיי ניט־אידישע, וואָס זיינען פיינטלעך צו סאָוועטנלאַנד אָדער צו דעם איצטיקן רעזשים אין סאָוועטנלאַנד.

אין מיין אַרטיקל האָב איך באַשולדיקט יענע סאָוועטן־פיינטלעכע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי ווילן ניט העלפן סאָוועטנלאַנד אין איר קאַמף אַנטקעגן דעם היטלעריזם, ווייל זיי האָפן, אַז סאָוועטנלאַנד וועט פאַרלירן די מלחמה און אַז דאָס וועט פירן צו דעם צונויפבּרוך פון דעם סטאַליניסטישן רעזשים, ווי דער צאַריסטישער רעזשים איז צונויפגעבראָכן געוואָרן, ווען רוסלאַנד האָט פאַרלאָרן די מלחמה אין 1917.

דערויף האָט מען מיר אין דעם קעגן־אָנפּאַל געענטפערט, אַז מיין באַשולדיקונג איז אַן אויסגעטראַכטער „בלבול” אויף דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אָדער אויף דאָס גאַנצע „אָרגאַניזירטע פאָלק”, אָדער אויף דאָס רוב מנין און דאָס רוב בנין פון אונזערע אידישע אָרגאַניזאַציעס. און ניט נאָר אַן אויסגעטראַכטער בלבול, נאָר אַ דירעקטע „מסירה" אויף אידן. איין קריטיקער האָט זיך געקאָנט טרייסטן נאָר מיט דעם געדאַנק, אַז די „מסירה” וועט דאָך בלייבן צווישן אונז, אידן, ווייל זאָל חלילה די „מסירה” באַקאַנט ווערן אין דער ניט־אידישער וועלט, איז דעמאָלט — ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געשען דעם אידישן פאָלק!

איז לאָמיר קודם כל זען אויף וועמען האָב איך „אויסגעטראַכט” דעם בלבול און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם אידישן פאָלק. איך לייקן ניט, אַז איך האָב באַשולדיקט „אידן” ווי אויך ניט־אידן. אָבער וויפיל אידן? לאָמיר מאַכן אַ שטיקל חשבון.

אין מיין אַרטיקל הייסט עס: „לאָמיר דאָ אויסרעכענען די וויכטיקסטע פיינטלעכע גרופּירונגען. דאָס זיינען: די טראָצקיסטן . . .” וויפיל אידישע טראָצקיסטן האָבן מיר דאָ אין לאַנד? און וויפיל פון זיי שפּילן אַ ראָלע אין אונזער עפנטלעכקייט? איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז מיר האָבן אין אונזער פּובליציסטיק איין טראָצקיסט. האָט ער אָבער דערקלערט, אַז ער איז עס ניט. פאַלן די טראָצקיסטן לגמרי אַרויס פון דעם אידישן חשבון.

נאָך די טראָצקיסטן קומען די אָנהענגער פון די רעכטיסטיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען: „סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דעם אַלט־מאַרקסיסטישן חדר, אַריינגערעכנט דעם „בונד”; די איצטיקע „דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן” און סאָציאַל־רעפאָרמערישע „ניו־דיליסטן”. נו — וויפיל אידן געהערן צו זיי? — קיין דירעקטע ציפערן האָבן מיר ניט. אָבער לויט דער ראָלע, וועלכע זיי אַלע שפּילן אין דעם אידישן לעבן, מוז מען אָננעמען, אַז זייער צאָל מוז אָפּגעשאַצט ווערן מיט אפשר־אפשר — אַ הונדערט טויזנט איבערן גאַנצן לאַנד.

נאָך זיי גייען אין מיין צעטל: „די רוסישע עס־ערן פון עקסט רעכט,

דורך דעם טשערנאָווישן צענטער ביז עקסטרעם לינקס." אָט־די ריכטונג איז דאָ אין לאַנד זייער שוואַך פאַרטראָטן און איז גאַנץ פרעמד דעם אידישן לעבן. עס זיינען פאַראַן אַ פּאָר אויסנאַמען: סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־אידן, וואָס באַטייליקן זיך אין אונזער געזעלשאַפטלעכקייט, — גאָר אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל.

דערנאָך קומען די „אַנאַרכיסטן". ווען מען זאָל זייערע אידישע אָנהענגער, — וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם אידישן לעבן און האָבן די אָדער יענע ווירקונג אויף דער אידישער עפנטלעכקייט, — באַרעכענען מיט אַ פּאָר טויזנט, וועט דאָס, האָב איך מורא, שוין זיין אַ היפּשע גוזמא.

אין אונזער רשימה פון סאָוועטן־פיינטלעכע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס ווערן די גרעסטע צאָל אויפגעוויזן די „ציוניסטן — דער עיקר די „פּועלי־ציון און צעירי־ציון" פון דאָ אין לאַנד". באַמערקט דעם אויסדרוק: „דער עיקר". אין דער אמתן זיינען די „אַלגעמיינע" ציוניסטן — אַ חוץ אפשר די „רעוויזיאָניסטן" — איצטער גאָר ניט אַזוי פיינטלעך צו סאָוועטנלאַנד. די טרעגער פון דער שנאה זיינען — אַ חוץ אויסנאַמען — די „פּועלי־ציון און צעירי־ציון".

ווי גרויס איז די צאָל באַוואוסטזיניקע ציוניסטן פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען דאָ אין לאַנד? — די צאָל פאַרקויפטע שקלים איז זיכער אַ סך העכער איידער די צאָל פון באַוואוסטזיניקע ציוניסטן. לויט דעם זין פון מיין „בלבול" דאַרף מען זיך אָבער רעכענען נאָר מיט ציוניסטישע „גרופּירונגען". אויך דאָ פעלן ציפערן. זאָלן מיר זיי געבן אַ הונדערט טויזנט, אָדער דאָס וועט זיין צופיל? — לויט מיין אָפּשאַץ, זיינען זיי אַלע ניט מער ווי אַ הונדערט טויזנט.

די רשימה פון סאָוועטן־פיינטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַרענדיקט זיך ביי מיר מיט דער מאַיאָריטעט „צווייגן און מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־רינג און דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד". אויף וויפיל אָט־די מאַיאָריטעט האָט אַ באַוואוסטזיניקע שטעלונג אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, גייען אירע אָנהענגער אַריין אין דער צאָל פון יענע גרופּירונגען, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אויסגערעכנט.

לויט דעם נאָר־וואָס געמאַכטן איבערבליק קאָנען פון דעם צעטל נאָר די ציוניסטן און די רעכטיסטישע סאָציאַליסטן באַטראַכט ווערן ווי געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע כחות און זיי ביידע זיינען גאָר אַ קליינער מיעוט פון דעם פינף־מיליאָניקן אידישן פאָלק דאָ אין לאַנד.

מיין „בלבול" באַשולדיקט דעריבער בשום אופן ניט „דאָס אידישע פאָלק".

אָדער אפשר באַשולדיק איך „דאָס רוב מנין און דאָס רוב בנין" פון די אידישע אָרגאַניזירטע כחות, ווי אַן אַנדער קריטיקער וויל האָבן?

— אבסאָלוט ניט! וואו האָט איר אין מיין רשימה אָט וועלכע אידישע כחות: 1) די אידישע יוניאָנס, די ניט־סאָציאַליסטישע אָדער

ראדיקאַלע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי די „בני־ברית", דעם „ברית־אברהם", דעם „ברית־שלום" און די אַנדערע? וואו — די פּילצאַליקע רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס? וואו — די פּילצאַליקע לאַנדס־מאַנשאַפטן אומעטום איבערן לאַנד?

אַפילו ווען מען זאָל ניט אָראָפּרעכענען די אויסנאַמען, וועלכע איך מאַך אין דער רשימה גופא, זיינען די אויבן־אויסגערעכנטע סאָוועטן־פיינטלעכע גרופּירונגען אַ מינאָריטעט פון די אידישע אָרגאַניזירטע כחות.

באַשולדיקן מיך, אַז איך מאַך אַ בלבול אויף דאָס אידישע פאָלק, צי אויף דער מאַיאָריטעט פון זיינע אָרגאַניזאַציעס, איז דעריבער גאַנץ פּשוט אַ „בלבול" און אַ „מסירה" אויף מיר.

און וואָס באַשטייט מיין „מסירה" אויף אַ געוויסער אידישער מינאָרי־טעט? פאַר וועמען האָב איך געקאָנט פאַרמסרן יענע מינאָריטעט? און פאַר וואָס האָבן זיך יענע קריטיקער אַזוי דערשראָקן פון דער „מסירה"?

ווי אויבן אָנגעמערקט, באַשולדיק איך געוויסע אידישע גרופּירונגען, אַז זיי ווילן סאָוועטנלאַנדס מפּלה אין דעם איצטיקן צונויפפּראַל מיט די חיילות פון דעם אַנטי־קאָמינטערן־בונד. פון אָט־דער באַשולדיקונג, וועלכע איך נעם אויך איצטער ניט צוריק, מאַכן אייניקע קריטיקער מיינע דעם אויספיר, אַז איך באַשולדיק יענע גרופּירונגען אין וועלן, אַז די היטלערישע חיילות זאָלן טריאומפירן איבער רוסלאַנד.

אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַן אָרויסדרינגעניש פון מיין קלאָרער באַ־שולדיקונג. אַזאַ אַרויסדרינגעניש קאָנען נאָר מאַכן די, וואָס האָבן זיך ניט געגנוג אַריינגעטראַכט אין דעם ענין, אָדער זיינען זייער ווייניק באַ־קאַנט מיט די אַנטי־סאָוועטישע שטימונגען אין די רעכטיסטישע לאַגערן.

אין דער אמתן איז דער ענין אַזאַ: דער צונויפשטויס פון דעם סטאַליניסטישן רעזשים אין דעם איצטיקן קריג, אויף וואָס עס האָפן זיינע פיינט, קאָן זיין אַ רעזולטאַט פון אַן אינעווייניקסטער רעוואָלוציע אין סאָוועטנלאַנד, וואָס שליסט ניט איין אין זיך היטלערס געווינען די מלחמה. דאָס רוב אָנהענגער פון דער רוסישער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 מיט אירע מיליוקאָווס און קערענסקיס גלויבן נאָך עד היום, אַז די מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק אין רוסלאַנד רייסט זיך אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך די סאָ־וועטישע רעגירונג און אומקערן זיך צו דער „גילדערנער צייט" פון אַ מיליוקאָוו־קערענסקי. די שטענדיקע מפּלות אויף די פראָנטן קאָנען פאַר־שטאַרקן אָט־די פאַרבאָרגענע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין די פאָלקס־מאַסן און אין דער אַרמיי. האָפן אַ היפּש ביסל סאָוועטן־פיינט, אַז עס וועט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע, אָנגעפירט פון דער אַרמיי. די צייט־ווייליקע רעגירונג וועט דעמאָלט תיכף שיקן „פּערציק טויזנט קוריערן" צו קערענסקין: „פּאַזשאַלויסטע אָפּראַווליאַט' סטראַנאָי!" („באַוויליקט צו רעגירן דאָס לאַנד!"). קערענסקי שטעלט זיך אויפן שפּיץ פון דער אַרמיי.

ער פירט דורך יענע אטאקעס אויף די דייטשן, וועלכע ער האט אנגע־הויבן אין 1917 און וועלכע די „באלשעוויקעס" זאלן האבן דעמאלט צעשטערט. אונטער קערענסקיס פירונג ווארפט זיך דאס גאנצע „בא־פרייטע" לאנד אין קאמף אנטקעגן די היטלעריסטן. מאנסביל, פרויען, זקנים און די קינדער אין די וויגן שטורעמען די פראנטן און מאכן א תל פון היטלערס חיילות. אזוי ארום ווערט מען פטור אי פון היטלערן, אי פון דעם באלשעוויסטישן רעזשים. זאל מען אבער איצטער העלפן סאוועטנלאנד, און זאל שוין איצטער באשאפן ווערן דער צווייטער פראנט אין מערב־אייראפע, פארשמעלערט מען דערמיט די שאנסן פון דער „רעטנדיקער" רעוואלוציע אין סאוועטנלאנד, אדער מען שטופט זי אפ אויף ווייסיך ווען. דארף מען באקעמפן אי דעם „צווייטן פראנט", אי די הילף צום סאוועטנלאנד.

דאס איז איין אויסבליק. עס איז אבער דא נאך אן אויסבליק, ווידער לויט דעם זעלביקן גרונט־געדאנק פון דעם שעקספירישן: „א פלאג אויף ביידע הייזער", אדער פון דעם אידישן: „א קלאג צו ביידנס קעפ".

ביי די רעכטיסטישע גרופירונגען זיינען פאראן א היפש ביסל אנ־הענגער, וואס גלויבן, אז דער דייטש־סאוועטנלענדישער קריג וועט זיך ציען אויף יארן. אזא קריג וועט אויסשעפן די כחות פון ביידע צדדים. דערווייל וועלן אלץ שטארקער ווערן די אנגעזאמלטע כחות פון די דעמא־קראטישע לענדער. ערשט דעמאלט וועלן זיי מיט דער גאנצער מאכט אנפאלן אויף דייטשלאנד און אירע פארבינדעטע און דערגרייכן דעם העכסט־מעגלעכן טריאומף. דעמאלט וועלן זיי קאנען דיקטירן די שלום־באדינגונגען.

און ניט נאר דאס. נאך דעם קריג וועט גאנץ אייראפע, איינגעשלאסן סאוועטנלאנד, זיך נויטיקן אין הילף. די דעמאקראטיעס פון דער ענג־לישער אימפעריע און פון אמעריקע וועלן קאנען געבן די הילף. אבער זיי וועלן דאס טאן נאר אונטער באדינגונגען: „איר ווילט ברויט? איר דארפט עפעס צום ברויט? איר דארפט קליידער, מעדיקאמענטן און אנדערע אבסאלוט־נויטיקע הצטרכותן? — גוט, מיר וועלן זיי אייך געבן. אבער פריער זייט מוחל און פירט ביי זיך איין א פארלאמענטארישע דעמאקראטיע מיט א פרא־קאפיטאליסטישן רעזשים, וואס זאל אונז גאראנטירן דעם צוריקצאל פון די הוצאות."

אזא אויסגאנג פון דעם קריג וועט מאכן א סוף צו דעם דריי־צדדים געראנגל, וואס האט ביז צום קריג באהערשט די וועלט־פאליטיק. איך מיין דא דעם געראנגל צווישן דעם פאשיא־נאציזם, דער בירגערלעכער דעמאקראטיע און דעם קאמוניזם; דעם געראנגל, וואס פלעגט צווינגען די צוויי אדער אנדערע צוויי פון די צדדים צו פאראייניקן זיך אין קאמף אנטקעגן דעם דריטן, ווייל קיין צד האט ניט געקאנט האפן צו צעשמעטערן ביידע שונאים.

דער טריאומף פון די דעמאָקראַטישע לענדער אין דעם וועלט־קריג וועט זיין — גלויבן אָט־די רעכטיסטן — אויך דער טריאומף זייערע אין דער וועלט־פּאָליטיק. סיי דער פאַשיאָ־נאַציזם, סיי דער קאָמוניזם וועלן פאַרשווינדן פון דער ערד. אויף דעם לויטער בלויען הימל פון דעם וועלט־פרידן וועט שיינען די זון פון דער דעמאָקראַטיע אין גלאַנץ און פּראַכט.

דער רויער אינדיווידואַליזם וועט אומעטום אָפּטרעטן זיין אָרט דעם סאָציאַל־רעפאָרמערישן „ניו־דיליזם" און דורך די סאָציאַלע רעפאָרמען וועט די וועלט ביסלעכוויז אריינוואַקסן אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

אַ לאַנג־געדויערנדיקער דייטש־סאָוועטנלענדישער קריג, וואָס וועט אויסמאַטערן בײדע לאַגערן ביז צו מאַכטלאָזיקייט, ליגט, לפי זה, אין די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג. העלפן די סאָוועטן מיינט דעריבער שטערן דעם אַלוועלטלעכן טריאומף פון דער דעמאָקראַטיע. העלפן דאַרף מען נאָר די דעמאָקראַטישע לענדער. די סאָוועטנלענדישע מפּלות אין דעם קריג באַדייטן דעריבער אין דער זעלביקער צייט אויך מפּלות פאַר דעם היטלעריזם.

אַזוי דענקען אַ היפּש ביסל פון די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, וועלכע איך האָב אַריינגענומען אין דער רשימה פון סאָוועטנלאַנדס פיינט. איך האָב זיי קיינמאָל ניט באַשולדיקט אין וועלן, אַז היטלער זאָל געווינען די מלחמה. זיי ווילן „אַ קלאַפּ צו ביידנס קעפּ".

אַגב וויל איך דאָ באַמערקן, אַז ניט נאָר די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן און „ניו־דיליסטן" גרינדן זייערע האָפענונגען אויף אַ פאַרצויגענעם קריג. אויך די היגע טראָצקיסטן, וואָס פיגורירן אין מיין רשימה פון סאָוועטן־פיינט, טוען דאָס. זיי גלויבן, אַז איידער אַמעריקעס אַריינטריט אין דעם קריג, האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָניזירונג־פּראָצעס ביי דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ דאַנק דעם קריג און אַ דאַנק דער נויט צו שטיצן רוזוועלטן. אָבער וואָס לענגער דער קריג וועט געדויערן, אַלץ מער וועט זיך אויסוועפּן דער אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, אַלץ מער וועלן אָנוואַקסן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען ביי דעם היגן פּראָלעטאַריאַט. עס וועט זיך באַשאַפן אַ „רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע", אין וועלכער עס וועלן אַריינגעצויגן ווערן אויך די ניט־פּראָלעטאַרישע פאָלקס־מאַסן. און דאָס קאָן פירן דאָ אין לאַנד צו אַן „אמת"־באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע כנוסח לענין ו'טראָצקי.

נאָך מיין טיפסטער איבערצייגונג גייען אָט־די ביידע סאָוועטן־פיינטלעכע גרופּירונגען — סיי די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע, סיי די טראָצקיסטישע — אויף אַן אַבסאָלוט־פאַלשן וועג. זייערע כלומרשט „אָביעקטיווו"־אַרויסגעבראַכטע חשבונות זיינען נאָר אָפּשפּיגלונגען פון זייערע סוביעקטיווע סאָוועטן־פיינטלעכע וואונטשן.

די צוקונפט פון דעם סאָציאַליזם הענגט אָפּ אין דער ערשטער און וויכטיקסטער ליניע פון אָפּשאַפן דעם ברודער־קריג אין די סאָציאַליסטישע

ארבעטער־פּאַרטייען, פון זייער ענגסטער פּאַראייניקונג אין איין אַלוועלט־לעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף קודם־כל זאָרגן פאַר אַ פּאָרזיכערטן וועלט־פרידן און פאַר דער דורכפירונג פון יענע סאָציאַלע רעפאָרמען, וועלכע די סאָציאַל־דעפאָרמערישע שטאַטסליט זאָגן איצטער צו.

פון אַ געזיכערטן וועלט־פרידן, פון זייער טיף איינשניידנדיקע סאָציאַלע רעפאָרמען און פון אַ פּאַראייניקטער סאָציאַליסטישער ארבעטערשאַפט הענגט אויך אָפּ די רעטונג און די צוקונפט פון אונזער אידישן פאָלק.

אָבער די אַלע דריי זאַכן פאָדערן באַפעלעריש, פאָדערן קאַטעגאָריש, אומבאַדינגט, אַז דאָס איצטיקע סאָוועטנלאַנד זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן אין דעם קריג, נאָר אדרבא, זאָל ארויס אַ פאַרשטאַרקטע, סיי אין איר מאַכט, סיי אין איר פּרעסטיזש און ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער וועלט־פּאָליטיק.

יעדע שטערונג אין דער מאַטעריעלער און דער מאָראַלישער הילף דעם איצטיקן סאָוועטנלאַנד און זיין איצטיקער רעגירונג מוז באַקעמפט ווערן אויף דעם שאַרפסטן אופן.

אויף וויפיל מיינע כחות וועלן קלעקן און אויף וויפיל איך וועל האָבן די מעגלעכקייט, וועל איך האלטן פאַר מיין חוב דאָס צו טאָן.

האָבן מיר דאָ אַן ענטפער אויף דער באַשולדיקונג, אַז איך מאַך אַן אויסגעטראַכטן בלבול אויף דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, צי אויף דער מאַיאָריטעט פון זיינע אָרגאַניזירטע כחות. מיין באַשולדיקונג גייט נאָר אויף אַ קליינער מינאָריטעט פון דעם אידישן פאָלק און אויף אַ גאַנץ אַנטשיידנדיקער מינאָריטעט פון אונזערע היגע אָרגאַניזירטע כחות.

מיר האָבן דאָ אויך אַן ענטפער יענע קריטיקער, וואָס האָבן לייכט־זיניק ארויס:עדרונגען פון מיינע רייד, אַז איך באַשולדיק די קעגנער אין וועלן היטלערס טריאומף איבער סאָוועטנלאַנד. חלילה וחס! איך האָב זיי קיינמאָל אין דעם ניט חושד געווען.

איך בין זיי יאָ חושד, — ניין, ניט חושד: איך וויים אויף געוויס,— אַז זיי ווילן „אַ קלאַג אויף ביידנס קעפּ". דער „קלאַג", האָף איך, וועט זיך אָבער אויסלאָזן ניט אויף די קעפּ פון די סאָוועטנלענדישע פריינט, נאָר אויף די קעפּ פון די סאָוועטנלענדישע פיינט, ד. ה., אויף אַלע יענע ריכטונגען, וואָס שטערן דער אַלזייטיקער מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף דעם איצטיקן סאָוועטנלאַנד.

איך גיי איצטער איבער צו דער באַשולדיקונג, אַז איך האָב געמאַכט אַ „מסירה" אויף די אַדער יענע אידישע און ניט־אידישע „גרופּירונגען".

ווען מען פאַרמסרט איינעם, פאַרמסרט מען אים פאַר וועמען עס איז, אין וואָס עס איז. פאַר וועמען האָב איך פאַרמסרט די דערמאָנטע ריכטונגען און גרופּירונגען, און אין וואָס?

לייענט מען גראָד אָט־די שטעלן אין דער קריטיק, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז אויף די קריטיקער ציטערט די הויט, די „דרויסנלעכע וועלט",

— ד. ה., יענע כחות פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס קאָנען אונז אָנטאָן שאָדן, — זאָלן חלילה זיך ניט דערוויסן פון מיין „מסירה", אַז אַט־די אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס ווילן אַ מפּלה אויף דעם סאָציאַליסטישן סאָוועטנלאַנד.

אָבער, קינדערלעך, — ענטפער איך, — גאָט איז מיט אייך! וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? די כחות, וואָס קאָנען אונז אָנטאָן שאָדן, און וואָס איר קאָנט האָבן אין זינען, זיינען דאָך נאָר די „מלכותן", די רעגירונגען פון די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווייל די פאַשיאַ־נאַציסטישע מלכותן ווילן דאָך אונז אָנטאָן שאָדן סיי־ווי־סיי.

האָב איך, הייסט עס, דערלאַנגט יענע מלכותן אַן „אויסגעטראַכטע" „מסירה", אַז „אידן" ווילן אַ מפּלה אויף סאָוועטנלאַנד. אָבער פאַר יענע מלכותן איז דאָך דאָס גאָר ניט קיין באַשולדיקונג, נאָר גיכער אַ „סוויּ־דיעטעלסטוואָ אָ פּאָליטישעסקאָי בלאַגאָנאַדיאָזשנאָסטי", אַ „כתב אויף פּאָליטישער באַגלויבטקייט", וואָס די צאַרישע רעגירונג פלעגט אמאָל פאָדערן פון די אָדער יענע בירגער.

„אַזוי־אָ", וועלן יענע מלכותן אַ טראַכט טאָן, — „אידן זיינען קעגן קאָמוניזם, אידן זיינען ניט אומשטירצלעריש, ניט „סאָבוואַווירסיוו". הלואי זאָל דאָס אמת זיין!" שטראָפן דערפאַר וועלן זיי זיכער ניט.

אויב מיינע באַשולדיקונגען האָבן געקאָנט האָבן אַ זין פון אַ „מסירה" האָט אָט־די „מסירה" געקאָנט געבראַכט ווערן נאָר פאַר יענע אידישע פּאָלקס־מאַסן, וואָס געהערן ניט צו די סאָוועטן־פּיינטלעכע אידישע גרוּ־פּירונגען. גלויב איך אָבער באמונה שלמה, אַז אַט די פּאָלקס־מאַסן וועלן אויפנעמען מיינע באַשולדיקונגען אויף די אויסגערעכנטע גרופּירונגען און ריכטונגען מיט דעם גרעסטן צוטרוי, ווייל די מאַסן ווייסן אַליין, ווי ווייט אמת מיינע באַשולדיקונגען זיינען.

אָט, צום ביישפּיל, וואָס ער שרייבט אין אַ „שטימע פון פּאָלק" צו דעם „מאָרגן־זשורנאַל" פון דעם 5טן נאָוועמבער ד. קאָלענסקי, אַ מיטגליד פון בראַנטש 297 פון דעם ארבעטער רינג:

„מיך וואונדערט, ווי אַזוי אַזאַ פּאַראַנטוואָרטלעכע צייטונג ווי אייערע זאָל דערלויבן אַזוינע קרייצצוגן ווי עס ווערן אָנגעפירט געגן דר. זשיטלאָווסקי. אַלע שרייבן, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויפן אידישן פּאָלק, כאָטש ער האָט נאָר געשריבן וועגן געוויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס. איך נעם זיך ניט אונטער צו רעדן וועגן די אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס ער דערמאָנט, ווייל איך בין ניט באַקאַנט מיט זייערע אַלע שריפטן און טעטיקייטן. אָבער איך בין אַ מיטגליד פון ארבעטער רינג, איך לעז דורך פּאַרזיכטיק אַלץ וואָס ווערט גע־שריבן אין „פריינט", אויך אין „פאָרווערטס". מוז איך, צום באַ־דויערן, צוגעבן, אַז דר. זשיטלאָווסקי האָט געשריבן וועגן דעם ארבעטער רינג און דעם „פאָרווערטס" דעם ריינעם אמת. קוקט איבער די נומערן פון „פאָרווערטס" פון די לעצטע 15 מאָנאַטן וועט

איר שוין האָבן גענוג פאַקטן, אָדער כאַנינס בריוועלע, אָדער זיינע 2 בריוועלעך, ווייל דער צווייטער אַלס ענטפער אויף איינצעלנע פראַ־טעסטן איז ניט געווען בעסער ווי דער ערשטער.״

יעדער איינער, וואָס לייענט מיין באַשולדיקונגס־אַרטיקל ניט צו האַסטיק, און וואָס מאַכט ניט קיין לייכטזיניקע אַרויסדרינגענישן, נעמט אים אויף אין דעם זעלביקן זין און מיט דעם זעלביקן צוטרוי, ווי ד. קאָלענסקים בריוו צו דער רעדאַקציע. איך ווייס דאָס א דאַנק פיל אָפּרופן, וואָס איך האָב געהאַט פון פריינטלעכע אָדער ניט־פריינטלעך געשטימטע לייענער.

אין מיין צווייטן אַרטיקל : „איך האָב געמאַכט א טעות אין שרייבן״, האָב איך ניט גענומען קיין איין וואָרט צוריק פון מיינע באַשולדיקונגען. איך האָב נאָר אַריינגעשטעלט א פּאָר ווערטער, כדי פּינקטלעכער אַרויס־צוברענגען מיין געדאַנק. און אויך דאָס האָב איך געטאָן, ווייל איניקע פריינט האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז די קעגנער קאָנען די אינקרימינירנדיקע שטעלע בייזוויליק אויסנוצן, וואָס די „קריטיק״ האָט טאַקע גלייך געטאָן.

• • •

נאָך אָט־דעם אַריינפיר, וואָס וואַרפט צוריק די וויכטיקסטע באַ־שולדיקונגען אַנטקעגן מיר, וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט ענטפערס צו איינצעלנע קריטיקער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך מענטשן מיט גאָר חשובע נעמען אין אונזער ליטעראַטור.

איך וויל ענטפערן איניקע קריטיקער ניט ווייל איך האַלט, אַז איך דאַרף זיך פאַרענטפערן פאַר זיי. דאָס איז גאַנץ ווייט פון מיר. איך וויל דאָס טאָן נאָר דערפאַר, ווייל איך װעכן פאַר נויטיק אויפצוקלערן געוויסע ענינים, וועלכע זיי האָבן אויפגעהויבן אין זייער פּאָלעמיק אַנטקעגן מיר,— ענינים וואָס האָבן א שייכות דער עיקר צו דעם אידייאישן קאַמף פון מיין גאַנצן לעבן. אין דער צווייטער בראָשור, וואָס וועט דערשיינען באַלד נאָך דער דאָזיקער, וועל איך זיך פאַרנעמען מיט ענטפערס צו די קריטיקער.

סאָוועטנלאַנדס פּריינט און פיינט

אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט הילף פאַרן סאָוועטנלאַנד, — מיליטערישע צי ציווילע, ווי אויך בנוגע דעם „צווייטן פראָנט", — מערקט זיך די פאַרשיידענע שטעלונג מצד גרופּן און קרייזן פון אַ פּאָר־שיידענעם אידייאישן איינשטעל.

קודם די קאָמוניסטן: איך מיין יענע, וואָס זיינען אָנהענגער פון דעם איצטיקן סטאַלינ'שן רעזשים. זיי זיינען נאַטירלעך אַבסאָלוט פאַר דער אָדער יענער הילף־אַקציע. זייער לאָזונג, — פאַר וועלכן אויך דער שרייבער פון די שורות שטעלט זיך איין, — קאָן פאָרמולירט ווערן אַזוי: „יעדע הילף צו יעדער צייט פון יעדער זייט אין דער מעגלעך־גרעסטער און פולסטער מאָס."

אָט־די קאָמוניסטן קאָן מען ניט אָנרופן „פריינט" פון סאָוועטנלאַנד. „פריינט" זאָגט צו־ווייניק. ווי פאַר די ציוניסטן ארץ־ישראל, אַזוי איז פאַר די קאָמוניסטן סאָוועטנלאַנד — אַ הייליק לאַנד, אין וועלכן עס ווערן פאַרווירקלעכט אַלע פּראָגרעסיווע אידעאַלן פון דער מענטשהייט, פאַר וועלכע עס האָבן געקעמפט און געליטן דורות און אירע בעסטע קינדער ביי אַלע פעלקער.

דערנאָך קומען די פריינט פון סאָוועטנלאַנד, אָדער די אַזוי־גערופענע „מיטלויפער" פון די קאָמוניסטן, צו וועלכע עס געהערט אויך דער שרייבער פון אָט־די שורות. איך קען נאָך אַנדערע „מיטלויפער" אַחוץ מיר. לײדער בין איך ניט באַקאַנט מיט די טעמים פון זייער פריינטשאַפט צו דעם סטאַלינ'שן רעזשים. איך קאָן אָנגעבן נאָר מיינע: איך בין הונדערט פּראָצענט פאַר אָפּשאַפן פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם. אין דעם סכסוך צווישן סטאַלינען און טראָצקין האַלט איך מיט דער סטאַלינ'שער פאָרמולע, וואָס איז אַלעמאָל געווען אויך מיין פאָרמולע: „סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד אין אונזער צייט." אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באַזיס פון דעם סטאַלינ'שן רעזשים דערבליק איך די ערשטע וויכטיקסטע שריט פאַר דעם אויפבוי פונעם סאָציאַליזם. איך שעץ זייער שטאַרק אָפּ סטאַלינס ראָלע אין דער פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע. און נאָך אַנדערע קאָלאָסאַל־וויכטיקע עלעמענטן פון דעם רעזשים און פון זיין פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט נעם איך אָן פול און גאַנץ. איך האָב אָבער מיינע טענות קעגן דעם ריין־פּאָליטישן און גייסטיקן אויבער־בוי אויף דעם הערשנדיקן רעזשים, וואָס ניט איצט איז די צייט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין זיי.

פאַר אַלע „מיטלויפער", ווי אויך פאַר מיר, גילט די קאָמוניסטישע פאָרמולע: „יעדע הילף צו יעדער צייט פון יעדער זייט אין דער מעגלעך־גרעסטער און פולסטער מאָס." פאַר מיר איז אָט־די פאָרמולע אָבליגאַ־טאָריש, ווייל איך גלויב, אַז אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות פון

דעם איצטיקן רעזשים וועט זיך מיט דער צייט איינשטעלן א פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישער פעדעראַליסטישער רעזשים מיט דער פולסטער פרייהייט פאַר יעדער פּערזאָן און פאַר אַלע גייסטיקע ריכטונגען.

די קאָמוניסטן און זייערע „מיטלויפער״ בילדן דעם לינקן עקסטרעם אין דער הילף־פראַגע פאַר סאָוועטנלאַנד. אין דירעקטן קעגנזאַץ צו אים געפינט זיך אַ רעכטער עקסטרעם פון פאַרביסענע שונאים. ער הויבט זיך אָן מיט דעם „קלאַיוודען־סעט״ אין אַלע לענדער, מיט די אַנהענגער פון דעם פּאַשיאַ־נאַציזם און פון דעם מיליטערישן „אַנטי־קאָמינטערן״־קאַמף. אַט־דער פראָנט גייט אַריבער אין דער איצטיקער אַנטי־קאָמוניסטישער רעאַקציע פון דעם דאַיעז און ראַפּ־קודער טיפּ. זיי זיינען די ביטערסטע קעגנער פון דעם באַלשעוויזם בכלל.

זאָל מען ניט מיינען, אַז זייער שנאה שטאַמט דערפון, וואָס דער באַלשעוויזם האָט פּוגם געווען אין די געבאָטן פון אַ פרייהייטלעכער דעמאָקראַטיע. אָט די רעאַקציאָנערע קרייזן זיינען אַליין גרייט צו יעדער צייט איינצושליגען דעם פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישן רעזשים מיט הויט און האָר.

זייער גרימצאָרן שטאַמט דערפון, וואָס די באַלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם און האָט דערוואָרגן די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן. עס איז באמת ניט זייער דאגה, צי דאָס איז באַגעשען מיט פּאָליטישער פרייהייט, צי אָן פּאָליטישער פרייהייט, צי באַגרינדעט אויף דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און אַטעאיזם אָדער אויף אַן אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, צי גאָר אויף אַ מיסטישער רעליגיע.

אָט־די פאַרטרעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן ציטערן פאַר דער צוקונפט פון זייערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. זייער לאָזונג איז דעריבער אומבאַדינגטער קאַמף אַנטקעגן אַלע אַרטן פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע; אַ קאַמף צו אַלע צייטן, און בשום אופן ניט קיין הילף אין דער איצטיקער צייט. וואו זיי קאָנען שטערן דער הילף, טוען זיי דאָס אי אָפן, אי פאַרשטעלטערהייד.

די זעלביקע פיינטלעכע שטעלונג צו דער הילף פאַר סאָוועטנלאַנד נעמען אָן יענע פאַרשיידענע פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען, וועלכע מען מעג אָנרופן „מיטלויפער״ פון דער מאָדערנער אַנטי־קאָמוניסטישער רעאַקציע בכלל און פון דער דאַיעז־ראַפּ־קודערישער רעאַקציע דאָ אין לאַנד בפרט. דאָס זיינען מיטלויפער פון כל המינים, מיטלויפער פון אַ פאַרשיידענעם אימפּעט, פון אַ פאַרשיידן האַסטיקן טראָגן זיך; מיטלויפער, וועמעס גרימצאָרן אויף דעם סטאַליניסטישן רעזשים ברענט מיט אַ פלאַם־פייער פון אַ פאַרשיידענעם קאָליר.

לאָמיר דאָ אויסרעכענען די וויכטיקסטע פיינטלעכע גרופּירונגען. דאָס זיינען: טראָצקיסטן; סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דעם אַלט־מאַרקסיסטישן חדר, אַריינגערעכנט דעם „בונד״; די איצטיקע „דעמאָקראַטישע

סאָציאַליסטן" און סאָציאַל־רעפאָרמערישע „ניו־דיליסטן" ; רוסישע „עס־ערן" פון עקסט רעכטס, דורך דעם טשערנאָווישן צענטער ביז עקסט לינקס ; אנאַרכיסטן ; ציוניסטן — דער עיקר די „פּועלי־ציון און צעירי־ציון" פון דאָ אין לאַנד. צו אָט־דעם זייער געמישטן לאַגער מוז מען צורעכענען די אָדער יענע „פראָנט"־אָרגאַניזאַציעס פון דער אָדער יענער ריכטונג, ווי דעם אַרבעטער רינג און דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין דער מאַיאָריטעט פון זייערע צווייגן און מיטגלידער.

די אַלע קרייזן קאָן מען אָנרופן : „מיטלויפער פון דער אַלוועלט־לעכער רעאַקציע". מען מעג דאָס טאָן מיט דעם זעלביקן רעכט, מיט וועלכן מען רופט די פריינט פון דעם איצטיקן סאָוועטנלאַנד „מיטלויפער פון די קאָמוניסטן".

פאַנאַנדערסלייבן זיך אין די פאַרשיידענע טעמים פון זייער „סאָ־וועטאָפאָביע" איז זייער אַ וויכטיקער און העכסט נויטיקער ענין, אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ דערצו.

דאָ איז פאַר אונז וויכטיק צו האָבן אין אויג, אַז אויך די מיטלויפער פון דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע האָבן אין דער הילף־פראַגע פאַר סאָוועטנלאַנד דעם זעלביקן איינשטעל, וואָס די פול־בלוטיקע רעאַקציאָ־נערן : קיין הילף פון קיין זייט צו קיין צייט ! ווייל די הויפּט־בענקשאַפט פון די אַלע „מיטלויפער" איז, דער סטאַלינ'שער רעזשים זאָל פאַלן, און אַ היסטאָרישן כלל האָט מען, אַז די גרינטלעכע מפּלה אין אַ קריג גיט די בעסטע שאַנסן פאַר דעם פאַלן פון אַ רעזשים.

ס'איז אמת, אַז צייטנווייז זיינען אייניקע פון אָט־די רעכטיסטיש־מיטלויפערישע קרייזן געצוואונגען אָנצודערקענען די אָדער יענע הילף, וואָס זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצושרייען. שטעלן זיי זיך איין פאַר איר ניט מיט דעם גאַנצן געאַנטן ווילן, נאָר מיט אַ קראַנקן, אַ צע־בראָכענעם, אַ צעפּרעסענעם פון האָס.

די קאָמוניסטן און זייערע מיטלויפער פון איין זייט, די אַנטי־קאָמינטערן לייט מיט זייערע פאַרשיידענע מיטלויפער פון דער אַנדער זייט בילדן אין אונזער ענין די צוויי עקסטרעמען. צווישן זיי ליגט די גרויסע מאַסע אידיאַישע אַנטי־קאָמוניסטן — דאָס רוב אָנהענגער פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וואָס זיינען אָבער איצטער בלב ונפש, מיט לייב און זעל, פאַר יעדער אַרט הילף סאָוועטנלאַנד, סיי פאַר ציווילער הילף, סיי פאַר מיליטערישער, סיי פאַר אַ „צווייטן פראָנט".

אָט־די גרויסע מאַסן האָבן דעם ריכטיקן חוש פאַר דער נויט פון דער צייט. עס קאָן דאָך ניט זיין קיין ברעקל האָפענונג אויף אַ פרידלעכן פרייהייטלעכן לעבן, כל זמן עס וועט ניט אויסגעוואָרצלט ווערן דער פאַשיאָ־נאַציזם !

די וואולקאַנישע אויסברוכן און ערד־ציטערנישן פון דעם צווייטן וועלט־קריג — אַרויסגערופן פונעם היטלעריזם — באַדייטן אַזאַ קאָלאָסאַלע

קאַטאַסטראָפע פאַר דער מענטשהייט, שטעלן אַזוי מאָוימדיק אַוועק די פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטש־לעכער קולטור, אַז די צייט קאָן האָבן נאָר איין באַפעל: די פאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען פון אַ פאָלק זאָלן ניט דערלאָזן, אַז זייערע אידייאישע סכסוכים און זייערע אַנטקעגנגעזעצטע צילן זאָלן שטיין אין וועג צו אַ פולער פאַראייניקונג פון אַלע אַנטי־היטלעריסטישע קרייזן אין דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף אויסצוראָטן די ווילדע היטלעריסטישע כחות פון דער וועלט.

דאָס איז דער גרויסער קאַמף פון אונזער גורל־שווערער צייט. און ער פאָדערט ניט נאָר אַ שטאַרקן בונד פון אַלע אַנטי־היטלעריסטישע צדדים, ניט נאָר געמיינשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען, נאָר אויך — ביז צו אַ געוויסן גראַד — אַ נשמה־פאַראייניקונג, אַ ניט־געשפּאָלטענעם ווילן.

אַט די אַנטי־קאָמוניסטישע קרייזן, וואָס האָבן מיט זייער חוש דער־שפירט דעם קאַמף־רוף פון דער צייט, פאַרשטייען אויך גאַנץ גוט, וואו עס איז איצטער דער הויפּט־פראָנט אינעם קאַמף און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, כדי ניט נאָר ניט דערלאָזן, ער זאָל פאַלן, נאָר כדי צו שטאַרקן אים אַזוי, אַז ער זאָל טריאומפירן איבער דעם שונא.

דער וועלט־פראָנט פאַר דעם אַלוועלטלעכן פרידן און פּראָגרעס איז איצטער אין סאָוועטנלאַנד. אַט פאַרוואָס די אַנטי־קאָמוניסטישע פריינט פון סאָוועטנלאַנד זיינען אַזוי פאַראינטערעסירט אין דער הילף פאַר דער רויטער אַרמיי און פאַר דעם לאַנד.

אַט די נייע מאַכטפולע אַנטי־קאָמוניסטישע פריינט פון סאָוועטנלאַנד האָבן אַזעלכע פאָרטרעטער, ווי טשוירטשיל, רוזוועלט, ווענדעל ווילקי, די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי און דאָס רוב פון דער סי. איי. אָ.

דער דורכאויס־פאַרשיידענער צונויפשטעל פון אַט די עלעמענטן פירט דערצו, אַז אויך ביי די נייע פריינט זאָלן פאָרקומען אינעווייניקסטע רייבונגען און ווידערשפּרוכן. בפרט ווען אין זייערע רייען קאָנען זיך אַריינשמוגלען פאַרמאַסקירטע רעאַקציאָנערן אָדער רעאַקציאָנערע מיט־לויפער. דערפון ליידט אָפטמאָל די הילף. מוז מען טאַקע האַלטן אַן אויג אויף אַט די אינעווייניקסטע אַנטאַגאָניזמען. און דאָס טוען אַ היפּש ביסל פון די פריינט.

אונזערע פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע מיטלויפער פון דער ראַפּ־קודרישער רעאַקציע האָבן באמת געמעגט אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר פון אַט די אַנטי־קאָמוניסטישע פריינט, פון אַ ווענדעל ווילקי, צי אפילו פון דער היגער אולטראַ־קאַפּיטאַליסטישער „ניו יאָרק טאַימס".

זיי, די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע מיטלויפער פון דער רעאַקציע, מוזן מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג צו צעברעכן זייער יצר הרע פון האַס און קאַמף אַנטקעגן די קאָמוניסטן. זיי מוזן איינזען, אַז גאָר אַן אַנדער שונא פאַרדינט דעם גערעכטן האַס אין דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף. ווען זיי וועלן דאָס איינזען, וועלן זיי זיכער אַריבערגיין אין דעם לאַגער פון סאָוועטנלאַנדס פריינט.